גליון 252

שופטים תשפ"ה




# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## אַנְדֶעקְט דִי כּוֹחוֹת דַוְקָא אִינֶעם בַּאלַאגַאן

וִוי רִירְנְד אִיז גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דֶעם נָאמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה "דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִימַאנְטְן". דֶער בֶּן מֶלֶךְ מֵיינְט אוּנְז - וָואס מִיר זֶענֶען דָאךְ קֶענִיגְלִיכֶע קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז אַז יֶעדֶער אִיד אִיז גֶעמַאכְט פוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן נְקוּדוֹת.

בַּיי דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִּיק הָאט צוּגֶעזָאגְט דֶעם קֶענִיג אַז זַיין זוּן וֶועט זַיין גֶעמַאכְט פוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען? קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז פוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער. דֶער קֶענִיג הָאט נִישְׁט גֶעזֶען וִוי דִי הַבְטָחָה וֶוערְט מְקוּיָם, אָבֶּער אִין הַארְצְן הָאט עֶר גֶעגְלֵייבְּט אוּן גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ דֶער צַדִּיק הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, וֶועט עֶס אָן קֵיין סָפֵק מְקוּיָם וֶוערְן, כָאטְשׁ וָואס עֶר זֶעט אוּן פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

אֵיין טָאג, וֶוען דֶער קֶענִיגְ'ס זוּן הָאט גֶעשְׁנִיטְן הָאלְץ אוּן זִיךְ צוּשְׁנִיטְן זַיין פִינְגֶער, דַאן הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע גֶעמַאכְט פוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער.

וָואס לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס פוּן אָט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה? אַז דִי טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער/נְקוּדוֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן, זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִין אוּנְז. מִיר זֶענֶען מַמָשׁ גֶעמַאכְט פוּן גָאר פִיל גוּטְס. אָבֶּער וֶוען אַנְטְפְּלֶעקְט זִיךְ אוּנְזֶער פְּרַאכְט? וֶוען מֶען פַאנְגְט אָן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין שְׁוֶוערֶע עֲלִיוֹת אוּן יְרִידוֹת, דָאס אִיז דִי צַייט וֶוען עֶס אַנְטְפְּלֶעקְט זִיךְ.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַבִישׁ פוּן כִּתָּה ח'.

יֶעדֶע נַאכְט הָאט אַבִישׁ אַרוּמְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיטְן שְׁלָאפְן גֵיין. זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ קוּקְן אוֹיפְן זֵייגֶער אוּן זִיךְ צוּאַיילְן צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָבֶּער אַבִישׁ אִיז גֶעוֶוען וַוייט דֶערְפוּן אַזוֹי וִוי דִי יַם אִיז פוּן הִימְל... עֶר הָאט נָאךְ גֶעדַארְפְט מְסַדֵּר זַיין דִי טִישׁ, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ מִשְׁנַיוֹת צוּם שַׁאנְק, בֶּענְטְשְׁן, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, פּוּצְן דִי צֵיין, זִיךְ אָנְטוּן פִּידְזְשַׁאמֶעס, וֶוען דֶערְנָאךְ דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ נָאךְ אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין שְׁפִּיל בַּיים שָׁכֵן...

וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט מִיט זַיינֶע הֲכָנוֹת, הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֵייגְט אִין בֶּעט אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה, אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג שְׁטֵייט עֶר וִוידֶערְאַמָאל אוֹיף. "וָואס הָאט פַּאסִירְט?" פְרֶעגְט אִים זַיין מַאמֶע. "אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ לֶערְנֶען נַיין סְעִיפִים אִין קִצּוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ. רִיכְטִיג אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וִויל קְלָאר קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת?"...

אַזוֹי אִיז אַבִישְׁ'ס צַייט צוּרִינֶען גֶעוָוארְן יֶעדֶע נַאכְט, אַזוֹיוִוי צוּלָאזְטֶע טְשָׁאקָאלַאדֶע אוֹיפְן סֶענְדְוִויטְשׁ. יֶעדֶע טָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן גָאר שְׁפֶּעט. רֵייד אָדֶער פְּרָאגְרַאמֶען הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וַוייל זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן הָאבְּן זִיךְ עֶרְוֶועקְט 'פּוּנְקְט' אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין שְׁלָאפְן...

אֵיין וָואךְ זֶענֶען אַבִישְׁ'ס עֶלְטֶערְן גֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ בֶּעיבִּיסִיטֶער וָואס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע בְּרוּדֶער. אַבִישׁ אִיז פַארְבֶּעטְן גֶעוָוארְן צוּ צוּהֶעלְפְן מִיט דִי נַאכְט הֲכָנוֹת, אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג. דִי שְׁטוּבּ הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי אַ צו'חוּשְׁ'טֶע הַפְּגָנָה. אֵייעֶר וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן אָנְגֶעגְרֵייט זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן. גְלֶעזְלֶעךְ וַואסֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעגָאסְן. קְלֵיידוּנְג זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן. זַיינֶע קְלֵיינֶע בְּרוּדֶער הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט, עֶס הָאבְּן זִיךְ גֶעהֶערְט קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרַייעֶן. אַבִישׁ הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גְלַייכְגֶעוִויכְט, אוּן כִּמְעַט אוֹיךְ מִיטְגֶעוֵויינְט. טְרֶערְן הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וִוינְקְל פוּן אוֹיג.

צוּמָארְגְנְס, הָאט אַבִישׁ מַחְלִיט גֶעוֶוען: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּלָאזְן אַז הַיינְט זָאל פַּאסִירְן וָואס עֶס הָאט נֶעכְטְן פַּאסִירְט. אִיךְ מוּז אַנְטְפְּלֶעקְן מַיינֶע כּוֹחוֹת וִוי אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת'דִיג קִינְד."

וֶוען זַיינֶע בְּרוּדֶער הָאבְּן נָאךְ גֶעשְׁפִּילְט, הָאט עֶר אָנְגֶעגְרֵייט דִי מָאלְצַייט אוֹיפְן טִישׁ, שְׁלָאף-קְלֵיידֶער, אוּן נֶעגְל וַואסֶער. עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיינֶע לִימוּדִים אִין צַייט, אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פְּרִי. אַבִישׁ הָאט זִיךְ דֶערְלֶערְנְט אַז דַוְקָא פוּן דִי שְׁוֶוערִיגְקַייט אוּן דִי בַּאלַאגַאן, בְּרָאךְ אוּן פְּלָאנְטֶער, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ זַיין אַ פְלַייסִיגֶע זְרִיזוּת'דִיגֶע קִינְד אוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי. אַזוֹיוִוי דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער דַוְקָא וֶוען עֶר הָאט זִיךְ וֵויי גֶעטוּן זַיין פִינְגֶער אוּן עֶס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ה' - פוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת

**אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ.** דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערִין. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְן.

**הָאט עֶר** גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט **אַ צַדִיק**. כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֲלִין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער.

**הָאבְּן זֵיי** גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען **אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק**. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט.

**הָאבִּין זֵיי** דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (בַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵויסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים.

**הָאט מֶען אִים** גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵוייסְט דוּךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער.

**הָאט אִים דֶער צַדִיק** מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. **הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער.** אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין.

**אוּן אַז זִי אִיז** אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָּארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

**דֶער נָאךְ** הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְרֶעמְדְן. הָאט עֶר וִוידֶער גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן.

**הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט** דֶעם עֶרְשְׁטְן **צַדִיק**. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין. הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גִיזוּכְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען. נָאךְ אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל גִיבִּין דֶעם מֶלֶךְ אַ זוּן. הָאט עֶר גִיזָאגְט. עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי וִוידֶער מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** דֶעם **צַדִיק** אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט: דוּ וֵוייסְט דוּךְ אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט אִים דֶער חָכָם (דְהַיינוּ דֶער **צַדִיק**) גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט יוֹא.

**הָאט דֶער חָכָם** צוּ אִים גִיזָאגְט: אִיךְ בַּאדַארְף אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען **אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת** (כְּלוֹמֶר דוּמִיט וַוארְג) וָוארִין אִיטְלִיכֶער אֶבֶן טוֹב הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה. אוּן בַּיי דִי מְלָכִים אִיז פַאר הַאנְדְן אַ סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט.** אִיךְ וֶועל אוֹיס בְּרֶענְגֶען. מַיין הַאלְבֶּע מְלוּכָה. אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**הָאט דֶער חָכָם זֵיי גִינוּמֶען.** אוּן הָאט זֵיי צוּ קְלַאפְּט. אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ בֶּעכֶער וַויין. אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִישִׁיט אִין דֶעם וַויין. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַ הַאלְבְּן בֶּעכֶער וַויין דֶעם מֶלֶךְ טְרִינְקֶען. אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט. דֶער מַלְכָּה.

**אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.** אַז זֵיי וֶועלִין הָאבִּין אַ זוּן. וָואס עֶר וֶועט זַיין דוּרְךְ **פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבִּין אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת.** אוּן אִיז אַהֵיים גִיגַאנְגֶען.

**הָאט דִי מַלְכָּה** גִיהַאט **אַ זוּן**. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער זוּן **אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

**אַז דֶער זוּן אִיז** אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין אוּן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן הָאט גִיקֶענְט אַלֶע לְשׁוֹנוֹת. זֶענֶען גִיפָּארִין מְלָכִים אִים זֶעהְן.

**אוּן דִי בַּת מַלְכָּה** הָאט גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. הָאט זִי זִיךְ אִין אִים מְקַנָא גִיוֶוען. נָאר דָאס אִיז אִיר נְחָמָה גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר דֶער **צַדִיק** הָאט גִיזָאגְט. אַז דֶער זוּן וֶועט זַיין **גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.** גוּט אִיז כָאטְשֶׁע וָואס עֶר אִיז נִיט פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**אַמָאל הָאט** דער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ און הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפְּן. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִּינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערזֶען **אֵיין אֶבֶן טוֹב.**

**הָאט זִי זִיךְ** אִין אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גִיוֶוען. הָאט זִי זִיךְ גִימַאכְט קְרַאנְק. זֶענֶען גִיקוּמֶען כַּמָה דָאקְטוֹירִים. זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט אִיר קֵיין רְפוּאָה טָאן.

**הָאט מֶען גִירוּפְן מְכַשְׁפִים.** אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵׁף הָאט זִי אִים אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אֶמֶת. אַז זִי הָאט זִיךְ אַלֵיין גִימַאכְט קְרַאנְק מַחְמַת דֶעם בְּרוּדֶער כַּנַ"ל און זִי הָאט דֶעם מְכַשֵׁף גִיפְרֶעגְט אוֹיב סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ. אַז מְזָאל טָאן אַ מֶענְשׁ כִּישׁוּף אַז עֶר זָאל וֶוערִין קְרֶעצִיג. הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא.

**הָאט זִי צוּם מְכַשֵׁף גִיזָאגְט.** טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ זוּכְן אֵיין אַנְדֶערְן מְכַשֵׁף וָואס עֶר וֶועט מְבַטֵל זַיין דֶעם כִּישׁוּף און עֶר וֶועט גִיהֵיילְט וֶוערִין.

**הָאט דֶער מְכַשֵׁף** גִיזָאגְט. אַז מְוֶועט אַרֵיין וַוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרֵיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִיט קֶענֶען אִים מְבַטֵל זַיין.

**הָאט זִי אַזוֹי גִיטָאן.** און הָאט אַרֵיין גִיוָוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרֵיין.

**אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ** זֵייעֶר קְרֶעצִיג גִיוָוארִין. עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער נָאז קְרֶעץ און אוֹיף דֶעם פָּנִים און אוֹיף דֶעם אִיבְּרִיקְן גוּף.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ** גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹרִים. און מִיט מְכַשְׁפִים. און זֵיי הָאבִּין אִים **נִיט גִיהָאלְפְּן.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין. הָאבִּין דִי יְהוּדִים גִיזוּכְט דֶעם **צַדִיק** (וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן כַּנַ"ל) און זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ.

**און דֶער צַדִיק** פְלֶעגְט תָּמִיד **מִתְפַּלֵל זַיין פַאר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ** בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט צוּ גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז דֶער זוּן זָאל זַיין גָאר **פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת** און סֶע נִיט מְקוּיָם גִיוָוארִין.

**און עֶר הָאט גִיטַעֲנְט** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטִין הָאבּ אִיךְ דָאס גִיטָאן פוּן מַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס מֶער נִיט גִיטָאן נָאר פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגְן. און הַיינְט אִיז נִיט מְקוּיָם גִיוָוארְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט.

**און דֶער צַדִיק** אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער **צַדִיק** מִתְפַּלֵל גִיוֶוען (דְהַיינוּ אוֹיף דִי קְרֶעץ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין) **און סֶע** הָאט נִיט גִיהָאלְפִין. הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף.

**און דֶער צַדִיק** אִיז הֶעכֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע מְכַשְׁפִים. אִיז גִיקוּמֶען דֶער **צַדִיק** און הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף. און אַז מְהָאט דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרֵיין גִיוָוארְפְן. קֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַנְדֶערְשׁ נִיט גִיהֵיילְט וֶוערִין. סַיידִין אַז מְזָאל אַרֵיין וַוארְפִין דֶעם מְכַשֵׁף וָואס עֶר הָאט גִיטָאן דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרֵיין.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִיזָאגְט אִיךְ גִיבּ דִיר אַלֶע מְכַשְׁפִים מְזָאל זֵיי אַרֵיין וַוארְפִין אִין וַואסֶער אַרֵיין. אַבִּי מַיין זוּן זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין.

**הָאט דִי בַּת מַלְכָּה** מוֹרָא גִיהַאט און אִיז גִילָאפְּן צוּם וַואסֶער אַרוּיס נֶעמֶען דֶעם כִּישׁוּף פוּן דֶעם וַואסֶער. וָוארִין זִי הָאט גִיוואוּסְט וואוּ דֶער כִּישׁוּף לִיגְט. אִיז זִי אַרֵיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרֵיין.

**אִיז גִיוָוארִין** אַ גְרוֹיס גִיפּוּלְדֶער וָואס דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַרֵיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרֵיין.

**אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק** און הָאט גִיזָאגְט אַז **דֶער בֶּן מֶלֶךְ וֶועט שׁוֹין גִיהֵיילְט וֶוערִין.** אִיז עֶר שׁוֹין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין און דָאס צָרַעַת אִיז פַארְדַיירְט גִיוָוארְן און סֶע אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין הָאט זִיךְ אָפְּגִישֵׁיילְט גָאר דִי הוֹיט.

## אִיז עֶר גִיוָוארִין גָאר
## פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.
## און הָאט אִין זִיךְ גִיהַאט
## אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת.

(וָוארִין אַז דִי הוֹיט הָאט זִיךְ אִים אָפְּגִישֵׁיילְט הָאט מֶען גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גִיזָאגְט).



נאמען: ______________

# לאמיר זיין פאר הערן



## מעשה ה' - דער בן מלך פון אבנים טובות

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף די אידן?**
- ☐ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל פאר אים דאווענען
- ☐ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל פאר אים דאווענען
- ☐ אז זיי זאלן פאר אים דאווענען

**ב. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ☐ אז ער וועט דאווענען
- ☐ אז דער מלך וועט האבן קינדער
- ☐ ער ווייסט גארנישט

**ג. וואס האט די מלכה דעמאלט געבוירן?**
- ☐ א זון
- ☐ א טאכטער
- ☐ א זון און א טאכטער

**ד. וואס האט די בת מלכה געקענט ווען זי איז געווען פיר יאר?**
- ☐ אלע חכמות
- ☐ שפילן אויף כלים
- ☐ אלע חכמות און אלע לשונות און שפילן אויף כלים

**ה. וואס האט דער מלך נאכדעם גוזר געווען אויף די אידן?**
- ☐ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
- ☐ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
- ☐ אז זיי זאלן אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון

**ו. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ☐ אז ער וועט דאווענען
- ☐ אז דער מלך וועט האבן א זון
- ☐ ער ווייסט גארנישט

**ז. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דעם מלך?**
- ☐ אז ער זאל ברענגען אלע אבנים טובות
- ☐ אז ער זאל ברענגען א אבן טובה
- ☐ אז ער זאל ברענגען פערל שטיינער

**ח. וואס זאגט דער חכם? וואס וועט זיין מיט זייער זון וואס זיי וועלן געבוירן?**
- ☐ ער וועט זיין פון אבנים טובות
- ☐ ער וועט האבן אין זיך אלע סגולות פון אלע אבנים טובות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט די בת מלכה געזען ווען זי האט אים ארום געבונדן?**
- ☐ א אבן טוב
- ☐ א פערל שטיין
- ☐ אבנים טובות

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וועלכע מידה טרעפן אין די מעשה אז מען זאל זיך זייער דערווייטערן דערפון?
וויפל מאל האט דער קעניג גוזר געווען? - וואס האט דער קעניג גוזר געווען אויף די אידן? -
און וואס האבן די אידן געטון?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וואסארא לשון פון די מעשה, טרעפט מיר אויך אין חומש בראשית? **וַתִּפָּעֶם רוּחוֹ** אין פרשת מקץ
וועלכע מידה טרעפן אין די מעשה אז מען זאל זיך זייער דערווייטערן דערפון? **כעס**

וואו געפינען מיר אין תהילים "ציצית" און "תפילין"? "נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ", - **תְּפִלִּין.** "עֲבוֹתֵימוֹ", - **צִיצִית,** – "עִבְדוּ", זֶה **צִיצִית.** "בְּיִרְאָה", זֶה **תְּפִלִּין.** (תהילים ב')

# דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com